בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום א' | וזאת הברכה | י"א תשרי | תשע"ב | פסחים: ק"ב.

# באריכט:

***אשרי עין ראתה קהל קדושים רוגשים...***

## יום הקדוש העעל"ט בצל הקודש

גאהר געהויבן איז אדורך דעם הייליגן טאג בצל הקודש פון מרן רבינו שליט"א, מיט די האפענונג אז מען האט געפויעלט אלעס גוט'ס פאר גאנץ כלל ישראל.

### *ערב יום הקדוש*

אום ערב יום הקדוש פארטאגס ארום 5:50 איז דער רבי שליט"א ערשינען אין ביהמ"ד הגדול צו סליחות ווי דער בעל תפילה איז געווען הרה"ח מוה"ר יוסף יאקאב הי"ו.

דאן האט זיך דער רבי שליט"א אומגעקערט לביתו נאוה קודש ווי דער רבי שליט"א האט מקיים געווען דעם מנהג כפרות בחדרו הפרטי, און דערנאך איז דער רבי שליט"א אנגעקומען צום בית השחיטה המהודרת ווי דער שו"ב הר"ר נח גפן הי"ו האט קודם געגעבן דעם סכין פאר'ן רבי'ן שליט"א ווי דער רבי שליט"א האט עס בודק געווען און דערנאך האט דער שו"ב געשחט'ן דעם עוף און דער רבי שליט"א האט מכסה דם געווען.

דערנאך איז דער רבי שליט"א ארומגעגאנגען א לענגערע ווילע אינעם גאנצן בית השחיטה און באאובאכטעט די ארבעט פון די שוחטים ובודקים, זאלצער'ס א.א.וו.

ארום 8:30 איז דער רבי שליט"א ערשינען אין ביהמ"ד הגדול צו תפילת שחרית ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן הר"ר יונתן בנימין בוכינגער שליט"א פון קרית יואל, און נאכ'ן דאוונען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' אהרן שמואל גלאנץ הי"ו פון קרית יואל.

אום 1:40 נאכמיטאג איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען פראוון שלחנו הטהור לכבוד היום אין היכל השלחנות, ווי עס איז א דאנק די געטרייע עסקנים צוגעשטעלט געווארן א סעודה ביד רחבה פאר די געסט פון אויסער די שטאט.

מיט גרויס התעוררות און געוויין האט דער רבי שליט"א פאהרגעזינגען דעם פזמון פון "ירצה צום עמך" אויף וועלכער דער רבי שליט"א האט דערנאך געזאגט תורה.

ביי די דברות קודש האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויף די שטיקל פון "חנון חון עמך אשר לשמך הוא מאמין", אויסטייטשנדיג מיט א מליצה ישרה פון ישמח משה אז פונקט ווי אברהם אבינו האט נישט געפרעגט קיין קשיות ביי די עקידה אזוי אויך זאלן די מקטריגים נישט קענען פרעגן קיין קשיות אויף אידישע קינדער, און דער רבי שליט"א האט מוסיף געווען אז די זעלבע אונזערע עלטערן וואס האבן מיטגעמאכט אזעלכע שווערע גזירות ביי די צווייטע וועלט קריג, מען האט פארלוירן א שטוב מיט קינדער, און מיט דעם אלעם האט מען זיך קיינמאל נישט מתרעם געווען און געפרעגט קיין קשיות.

דער רבי שליט"א האט דערמאנט א דרשה וואס רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט געזאגט פאר כל נדרי תיכף נאך די מלחמה, אז אפילו מען האט אזויפיל מיטגעמאכט האט מען נישט קיין קשיות אויף די הנהגה פון בוכ"ע.

רבינו שליט"א האט דערמאנט דעם חתם סופר אז די נשמות פון די אבות פון גן עדן קומען אראפ אין די ימים נוראים מיטצודאווענען אין ביהמ"ד, און זייער זכות איז מגין אויף אונז אזוי ווי זיי האבן נישט געפרעגט קיין קשיות אויף די הנהגה פון באשעפער, אזוי זאלן די מקטריגים נישט פרעגן קיין קשיות און דער אייבערשטער זאל פארשרייבן א גוט יאר.

מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען בנו הגה"צ ר' יואל שליט"א רב דביהמ"ד בית ברוך.

נאכ'ן טיש איז דער רבי שליט"א געגאנגען לביתו נאוה קודש אויף אוהעל קט. ווי א גרויסער ציבור איז אדורכגעגאנגען זיך בענטשן בעפאר דעם הייליגן טאג.

ארום 4:15 איז דער רבי שליט"א איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען אין ביהמ"ד הגדול צו תפילת מנחה ווי דער רבי שליט"א האט קודם אנגעצידן די "כל נדרי ליכט", און דערנאך האט מען זיך געשטעלט דאווענען מנחה ווי דער בעל תפילה איז געווען הרה"ח מוה"ר יעקב הערש היימאן הי"ו פון וויליאמסבורג.

## ליל כל נדרי

ארום 45 מינוט נאכ'ן זמן הדה"נ איז מרן רבינו שליט"א אריינגעקומען אין ביהמ"ד צו די דרשת כל נדרי.

ביי די דרשה האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן פסוק כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו, נאכזאגנדיג א ווארט פון רביה"ק זי"ע בעל דברי יואל אז יו"כ איז מכפר לשבים, ס'איז אבער דא עבירות וואס מען געדענקט נישט, דארף מען אבער טוהן א תשובה בשלימות כאטש אויף איין עבירה, און דער אייבערשטער וועט מכפר זיין אויף די איבריגע אפילו וואס מען געדענקט נישט,און דער רבי שליט"א האט דערמאנט דעם חתם סופר וואס זאגט מקוה ישראל ה' מושיעו בעת צרה, עת צרה מיינט מען פאר כל נדרי ווען ס'איז א עת צר א ענגע צייט, מען קען נישט תשובה טון אויף אלעם, אבער ווען יו"כ שחל בשבת וואס שבת איז א נחלה בלי מצרים קען מען אין איין מינוט אויפטון גאר אסאך.

דערנאך האט דער רבי שליט"א אויף אן אנדערע אופן אויסגעטייטשט מיט א משל וואס ער האט געהערט אמאהל ביי א דרשה הושענא רבה מפי קדשו פון דודו מרן רביה"ק זי"ע בעל דברי יואל פון א קעניג וואס זיינע קינדער האבן געזינדיגט פאר אים און ער האט זיי פארטריבן אבער איין מאל א יאר פלעגט דער קעניג זיי גיין באזוכן און דעמאלטס האבן זיי געקענט

בעטן וואס זיי האבן געוואלט פון זייער טאטן, ס'איז אבער אריבער א שטיק צייט און איין יאר ווען ס'איז געקומען די צייט וואס דער קעניג דארף קומען האט זיך דער קעניג פארשטעלט אז מען האט אים נישט דערקענט, און די קינדער האבן געווארט און זיי האבן געזען אז דער קעניג איז נישטא זענען זיי געגאנגען פרעגן איינעם וואס קען גוט די תכסיסי המלוכה האט ער געזאגט אז ער איז אויך אובד עצות ער ווייסט נישט ווי דער קעניג איז, אבער אזויפיל ווייסט ער אז דער מלך איז נישט משנה זיין מנהג און ער איז זיכער דא, נאר ער באהאלט זיך, ממילא איז נישטא נאר איין עצה צו שרייען צום מלך ער זאל זיך אנטפלעקן מען זאל אים קענען זען.

דער נמשל איז מובן מאליו, דעם קעניג מיינט מען הקב"ה דער מלך מלכי המלכים וואס דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב דאס זענען די עשי"ת וואס דעמאלטס קומט ער יעדע יאר, ס'איז אבער היינט א זמן וואס איז א הסתרת פנים און מען זעט נישט און מען פילט נישט אז דער קעניג כביכול איז דא, אונז גלייב אבער אז השי"ת איז צווישן אונז, ממילא איז נישטא קיין אנדערע עצה נאר צו וויינען און שרייען צום טאטן, הייליגער טאטע, אונז וויל מיר דיך זען, אונז וויל מיר דיך שפירן.

נאך די דרשה האט מען געזאגט ווידוי כמנהג רבוה"ק בעת כניסת היום, דערנאך האט מען ארויסגענומען די ספר תורה מפייס צו זיין, און דער רבי שליט"א האט אויסגעטייטשט די משנה אין אבות אוי להם לבריות מעלבונה של תורה, נאכזאגנדיג פון עצי חיים אז די אלע צרות קומט מעלבונה של תורה, און דער רבי שליט"א האט עס אויסגעטייטשט לדרכו פארוואס אז מען לערנט נישט קומט אזויפיל צרות, און דער רבי האט בקול בכי איבערגעבעטן די ספר תורה און מעורר געווען זיך מקבל צו זיין מרבה צו זיין בלימוד התורה.

נאכ'ן ארומגיין דווירכאויס א גרויס חלק פון ביהמ"ד מיט'ן ספר תורה זאגענדיג אור זרוע לצדיק, און דער ציבור האט איבערגעבעטן דעם ספר תורה, האט דער רבי שליט"א צוגעטרעטן צום עמוד צו כל נדרי.

נעבן רבי'ן שליט"א האט זיך געשטעלט די צוויי דיינים הגאון דומ"ץ קרית יואל שליט"א און הגה"צ ר' יוסף צבי סופר שליט"א מו"ץ, און דאן האט דער רבי שליט"א אנגעהויבן על דעת המקום.

מיט אדון עולם נאך מעריב איז מכובד געווארן הרה"ג ר' אהרן מייזליש שליט"א בן הגה"צ אבד"ק דקהלתינו מאנטריאל שליט"א ור"מ בישיתיה"ק בארא פארק, און מיט די פיר קאפיטלעך תהלים איז מכובד געווארן הרה"ח מוה"ר חיים אלטר בראך שליט"א.

די שיר היחוד ליום ראשון איז געזאגט געווארן דורך הגה"צ ר' העניך שליט"א חדב"ן ורב ביהמ"ד אבני צדק, ליום שני: הגה"צ ר' שמעון זאב שליט"א חדב"ן ורב ביהמ"ד ישמח משה, ליום שלישי: הגה"צ ר' חיים צבי שליט"א בן מרן רבינו שליט"א אב"ד סיגוט, ליום רביעי: הגה"צ ר' דוד דוב שליט"א חדב"ן ורב ביהמ"ד אוהל פיגא, ליום חמישי: הגה"צ ר' יואל שליט"א בן מרן רבינו שליט"א רב ביהמ"ד בית ברוך, ליום ששי: הגה"צ ר' יוסף רוקח שליט"א חדב"ן, און שיר היחוד ליום השבת האט פאהרגעזינגען הרה"ח מוה"ר לייבוש וויינפעלד שליט"א.

## יום הקדוש

אום 7:20 איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען אין ביהמ"ד צו תפילת שחרית.

מיט אנעים זמירות איז מכובד געווארן מוה"ר ישראל פערל הי"ו, דערנאך האט הגאון דומ"ץ קרית יואל שליט"א וועלכער האט געדאווענט פאר'ן עמוד פסוקי דזמרה פאהרגעזינגען אדון עולם כנהוג. תפילת שחרית האט געדאווענט פאר'ן עמוד הרה"ג ר' אלטר טייטלבוים שליט"א בן הגה"צ דומ"ץ דקרית וביהמ"ד ויואל משה שליט"א וחתן האדמו"ר מ'בורשטין שליט"א.

מיט די פתיחות בעפאר קריאת התורה זענען מכובד געווארן הרה"ג ר' קלמן יושע אשכנזי שליט"א בן האדמו"ר מ'סטאניסלאוו שליט"א פון לאנדאן און הר"ר שמעון מייזליש שליט"א בן הגה"צ ר' חיים צבי שליט"א ראש ישיבתינו בבני ברק וחתן הגה"צ ר' יקותיאל יודא מייזליש שליט"א דומ"ץ בקהלתינו בארא פארק.

כהן האט עולה געווען הרה"ח ר' שמואל הכהן פריעדמאן שליט"א משב"ק, לוי – מוה"ר שלמה קלאגסברוין הי"ו, שלישי – מוה"ר משה יודא בר"מ הירש הי"ו, רביעי מוה"ר משה כהנא הי"ו פון בארא פארק, חמישי – מוה"ר שמעון ישראל קליין הי"ו פון וויליאמסבורג, ששי מרן רבינו שליט"א, שביעי מוה"ר בערל מיטעלמאן הי"ו.

מיט הגבה אויפ'ן ערשטן ספר תורה איז מכובד געווארן מוה"ר אפרים פריעד הי"ו פון לעיקוואד, און מיט גלולה איז מכובד געווארן מוה"ר בנציון מוטצען הי"ו.

מפטיר האט עולה געווען מוה"ר יושע טעללער הי"ו גבאי ביהמ"ד הגדול. מיט הגבה אויפ'ן צווייטען ספר תורה איז מכובד געווארן מוה"ר שמעון ישראל כהנא הי"ו פון מאנטריאל, און מיט גלולה איז מכובד געווארן מוה"ר בנצין זאלדאן הי"ו.

נאכ'ן ליינען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' חיים הערש קאהן הי"ו, און דערנאך האט מען געזאגט יזכור, און דאן איז געווען די הפסקה.

אום 1:35 איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען אין ביהמ"ד צו תפילת מוסף וועלכע'ס האט געדויערט ביז ארום 5:40 ווען מען האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה.

דער בעל תפילה ביי מנחה איז געווען הר"ר יקותיאל יודא פילאפף שליט"א שו"ב בקהלתינו הק', און כהן ביי מנחה האט עולה געווען מוה"ר אברהם יושע גלאנץ הי"ו, לוי האט עולה געווען מוה"ר אשר ישעי' הורוויץ הי"ו, און שלישי – מפטיר יונה איז געקויפט געווארן פאר מרן רבינו שליט"א דורך הרבני הנגיד מוה"ר יצחק מארקאוויטש הי"ו פאר א גרויסע סומע.

מיט הגבה ביי מנחה איז מכובד געווארן מוה"ר יעקב זוסמאן סופר הי"ו און מיט גלולה מוה"ר עקיבא הערש קליין הי"ו חברי הנהלת המתיבתא.

ארום 6:25 האט דער רבי שליט"א בקול רגש ובכי צוגעטרעטן צו תפילת נעילה וועלכער איז געדאווענט געווארן מיט גרויס התעוררות, און מען האט פארענדיגט נעילה 10 מינוט נאכ'ן זמן יציאת היום, ווען הר"ר חיים בעריש פילאפף שליט"א ר"מ בישיבה לצעירים האט געבלאזן שופר.

**לשנה הבאה בירושלים!**

## ויו"ט היו עושים בצאתו בשלם מן הקודש

נאך תפילת מעריב מוצאי יוה"ק האט דער רבי שליט"א מחדש געווען די לבנה אין חצר פון ביהמ"ד הגדול און דאן איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צו הבדלה אין היכל השלחנות וואונטשעטנדיג "גוט יום טוב פאר אלע ארומיגע בצהלות פניו.

ארום 10:30 איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צו פראווען שלחנות הטהור לכבוד יום טוב אין היכל השלחנות, וועלכער איז געפראוועט געווארן בשמחה דקדושה בתופים ובמחולות, און עס איז דערביי געזינגען געווארן מערערע ניגוני שמחה.

מיט די זמירות האט דער רבי שליט"א מכבד געווען חדב"ן הגה"צ ר' דוד דוב שליט"א רב ביהמ"ד אוהל פיגא.

ביי די דברות קודש האט דער רבי שליט"א געטייטשט דעם פיוט פון המבדיל, קדוש ונורא מושיעכם, נשא ישא לפשעכם, לא נירא ולא נדחל, וזרענו וכספנו ירבה כחול, און אויסגעטייטש בדרך אגדה מיט א הקדמה פון באר שבע אז אויף תשובה מאהבה איז דא שכר מצוה, און נאכזאגנדיג א ייטב פנים וואס טייטש וואס מען זאגט ביי נעילה אין קץ לאשי ניחוחינו, אז ווען מען טוט תשובה מאהבה ווערן די זדונות זכיות דאן איז נישטא קיין עק צו די זכיות, און דער רבי האט אנגעוואונטשן ווארימע ברכות צום נייעם יאר.

מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען חדב"ן הגה"צ ר' העניך שליט"א רב ביהמ"ד אבני צדק.

***-כזו הנתון על מצח המלך מראה כהן –***
***אשרי עין אתה אלה-***

∞•∞

## בקודש פנימה

נעכטן – אום מוצאי יו"ט אויפגערנאכט איז בביתו נאוה קודש פון רבי'ן שליט"א פאהרגעקומען דער חאלאקע לבן מוה"ר זלמן לייב דייטש הי"ו פון קרית יואל.

∞•∞

היינט אינדערפרי' האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר הערש אליעזר וויינבערגער הי"ו פון וויליאמסבורג.

∞•∞

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**